# דער פרשה קוואל

צוזאמען געזומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ויצא

מכון באר האמונה

יו״ל ע״י

**מכון 'באר האמונה'**

מכון באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
ווענטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:
אימייל: derparshakval@gmail.com
טלפון: 1347-871-8285

©
**כל הזכויות שמורות למו״ל**

# אינהאלט

## פרשת ויצא


ויראו יעקב צורת אל"ף - יעקב זעהט אין אַלע פּאַסירונגען דעם "אלופו של עולם" ............. א
שכר אויך אין עולם הזה, אין זכות פון אמונה .......................... ב
דורך וראשו מגיע השמימה איז מען זוכה צו ושמרתיך בכל אשר תלך ...................... ד
וראשו מגיע השמימה - די קאפּ זאל ליגן אין העכער'ס............................ ו
והנה ה' נצב עליו.................................... ז
אויף אַלעם דאַרף מען דאַנקען השי"ת............................... ז
הפעם אודה את ה'....................................... ח
פון אַ קריגעריי קומט נישט אַרויס קיין גוטס .............................. ט
דער יצה"ר לאָזט נישט דאַוונען ............................... יא
ויפגע במקום - נישט אויפהערן מתפלל צו זיין .......................... יא
תפלה פון טיפעניש פון הארץ............................... יב
די כח פון תפלה בציבור ............................... טו
וישכם יעקב בבקר - תפילה באשמורת הבוקר .......................... טו
יושב תהלות ישראל - דער באַשעפער וואַרט אויף אונזער תהלים.................. טו
בא גד, ווען א מענשט איז גומל חסד ברענגט עס אויף איהם חסדים פון הימל............... טו

# ויצא

**וירא יעקב צורת אל"ף - יעקב זעהט אין אַלע פאַסירונגען דעם "אלופו של עולם"**

**ויצא** יעקב מבאר שבע וילך חרנה (כח, י).

**עס** שטייט אין ספה"ק מגלה עמוקות (דף כ"א, מובא ג"כ בתשואות חן ועוד) אַז ויצ"א איז ראשי תיבות ו'ירא י'עקב צ'ורת א'לף, יעקב האָט געזעהן דער צורה פון אַן אל"ף[א].

**קען** מען זאָגן אַ כוונה, אַז יעקב אבינו האָט געזעהן אין יעדע זאַך דעם "אלופו של עולם", דער געוועלטיגער פון די וועלט - דער הייליגער באַשעפער. ער זעהט ווי לבן הארמי נאַרט איהם אָפּ, און אליפז האָט ביי איהם אַלעם צוגענומען, אָבער מיט דעם אַלעם זעהט יעקב אין יעדע זאַך נאָר דער איינער זאַך דער "צורת אל"ף" - דער "אלופו של עולם", ער פאַרשטייט אַז דער בורא כל העולמים איז דער וואָס פירט אַלעם אויפן וועלט.[ב]

**עס** שטייט אין ספה"ק נועם אלימלך (פ' וישלח, ד"ה א"י וישלח [א']), אַז אויב מען לייגט צו דעם אות

---

**א.** דער הייליגער לעכאָוויטשער, הרה"ק רבי מרדכי זצ"ל האָט נישט געזאָגט קיין תורה אין פרשת ויצא, ווייל אַז מ'איז זיך גוט מתבונן אין די פרשה, זעהט מען ווי יעקב אבינו ע"ה האָט געפירט אַ לעבן, ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון עשו, און ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט לבן הארמי, פעלט נישט אויס צו זאָגן תורה. מ'דאַרף שוין גאָרנישט מוסיף זיין אויף די פרשה.

**ב.** אין אַזעלכע זמנים ווי איצט, ווען מ'דאַרף רחמי שמים, מ'דארף א שמירה עליונה אויף אידן תושבי ארץ הקודש בפרט און אידן אין די גאנצע וועלט בכלל, (מ'שטעכט נעבך אידן) פרעגן אידן, וואס איז פשט אין דעם?

מיר האָבן שוין כמה פעמים נאָכגעזאָגט אַ משל, לעבן אַ גאָרטן איז געווען אַ וואַלד מיט חיות, וואס אַ צוים האָט אָפּגעטיילט צווישן דעם חצר און דעם וואַלד. דער בעל הבית פונעם חצר האָט געהאַט אַ קינד, וואָס פלעגט אַריבערטאַנצן דעם גדר, און דער טאַטע האָט איהם אָנגעוואָרענט ער זאָל נישט אַריבערטאַנצן דעם גדר, ווייל עס געפינען זיך דאָרט חיות רעות.

אַ קינד איז אָבער פאָרט אַ קינד, האָט ער ווידער איבערגעטאַנצן דעם צוים. אַלע וואָרענונגען פונעם טאַטן האָבן גאָרנישט געהאָלפן. איז דער טאַטע געפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט זיך פאַרשטעלט אַלס אַ לייב, וואָס גייט אויף "פיר פיס", און אַמאָהל ווען דאָס קינד האָט אַריבערגעטאַנצט, האָט דער טאַטע, דער פאַרשטעלטער "לייב", איהם געביסן. דאָס קינד האָט געוואָלט מעורר זיין דעם טאַטנ'ס רחמנות, רחמי האב על הבן, האָט ער געשריגען און גערופן צו זיין טאַטן, "טאַטע טאַטע", אָבער זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער טאַטע האָט נישט געענטפערט...

שפעטער ווען דאָס קינד איז אַהיים געקומען און געזעהן דעם טאַטן, האָט ער איהם געפרעגט, "טאַטע! אַ לייב האָט מיך געביסן, און איך האָב געשריגן 'טאַטי', פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געענטפערט?"

האָט דער טאַטע געענטפערט פאַר'ן קינד: "דאָס בין איך געווען יענער לייב... איך האָב זיך פאַרשטעלט אַלס אַ לייב".

דער נמשל איז, אַז אַפילו אַמאָהל קוקט עס אויס ווי דער לייב בייסט, צו דער שונא אא"וו, דאַרף מען וויסן און גלייבן אַז דער באַשעפער, דער "אלופו של עולם" כביכול זאָגט, דאָס בין איך אַליין, נישט דער און נישט יענער, אַלעס איז מן השמים. מ'דאַרף נאָר אַכטונג געבן נישט אַריבערצוטאַנצן די גדרים פון דער תורה הק'.

אל"ף פאַר'ן וואָרט "מאתים" וואָס איז טייטש צוויי הונדערט, ווערט פון דעם דאָס וואָרט "אמתים" - וואָס איז טייטש צוויי אמות. קומט אויס אַז די אל"ף פאַרמינערט פון די צאָל. דאָס זעלבע איז מיט מדת הדין ח"ו, אויב מען לייגט צו דעם אל"ף פאַרן וואָרט "דין", ווערט עס צו אדנ"י - וואָס איז די שם הרחמים.

**דאָס** לערנט אונז דעם זעלבן לימוד, אַז מען לייגט צו דעם אל"ף - אלופו של עולם - צו די"ן, ווערט רחמים. ווייל אַז אַ איד גלייבט און געדענקט אַז אַלעס איז פון דעם באַשעפער ית"ש, ווערט נמתק די מדת הדין.

**שכר אויך אין עולם הזה, אין זכות פון אמונה**

**דער** גאון רבי ר' העשיל זצ"ל טייטשט (חנוכת התורה, פרשת יתרו) **דעם מדרש** (שמו"ר פכ"ג, תנחומא בשלח י') "**אין ישראל נזונין** (בעולם הזה) **אלא בזכות האמונה**", אידן ווערן געשפייזט נאָר צוליב זייער אמונה, ווייל די חז"ל זאָגן (קידושין לט:) "**שכר מצוה בהאי עלמא ליכא**", מ'גיט נישט קיין שכר אויף דער וועלט, און אויך דרש'ענען די חז"ל (עירובין כב.) אויפ'ן פסוק (דברים ז, יא) **אשר אנכי מצוך היום, היום לעשותם - ומחר לקבל שכרם**, אויף די וועלט דאַרף מען היטן די תורה, און אויף יענער וועלט וועט מען פאַר דעם באַקומען באַצאָהלט. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, דער אויבערשטער היט דאָך די

---

**ג.** דער דובנער מגיד זצ"ל זאָגט אויף די גמרא (קידושין ל:) **שלשה שותפין באדם, הקב"ה, אביו ואמו**, אין דער באַשאַפען פון דער מענטש איז פאַרהאַן דריי שותפים, דער באַשעפער, דער טאַטע מיט די מאַמע. איז ער מסביר על דרך משל (כדרכו): דריי מענטשן וואָס זענען געשטאַנען צוזאַמען. איינער האָט געהאַט אַ קוקער. דער צווייטער מענטש האָט געהאַט אַן אויטאָ, און דער דריטער איז אַ דאָקטאָר. דער מענטש וואָס האָט דעם קוקער, האָט געזעהן פון דער ווייטענס אַ פאַרזאַמלונג פון אַ סאַך מענטשן, האָט ער געזאָגט פאַר'ן מענטש מיט'ן אויטאָ, לאָמיר אַהין פאָהרן, זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר. זענען אַלע דריי אַהין געפאָרן, און האָבן אויסגעפונען אַז די טאָכטער פונעם קעניג איז צוזאַמענגעפאַלן און זי נויטיגט זיך אין גרויס רחמים. האָט דער דאָקטאָר אויסגעהיילט אויפ'ן פלאַץ די טאָכטער פונעם קעניג, און געראַטעוועט איר לעבן.

דער קעניג האָט געוואָלט מכיר טובה זיין פאַר דעם מענטש וואָס האָט געראַטעוועט זיין טאָכטער, האָט ער אָנגעבאָטן איהם צו נעמען אַלס חתן. איז געוואָרן אַ קריגעריי צווישן די דריי דערמאַנטע מענטשן וואָס זענען אַהין געקומען מיט'ן אויטאָ: דער מענטש וואָס האָט געהאַט דעם קוקער, האָט גע'טענה'ט, אַז בלויז אַדאַנק זיין קוקער האָבן זיי געזעהן פונדערווייטענס אַ פאַרזאַמלונג פון מענטשן און זענען אַהין געפאָרן. דער דרייווער פונעם אויטאָמאָביל האָט געזאָגט, אַז אויב ער וואָלט נישט געהאַט זיין מאַשין, וואָלטן דאָך אַלע דריי נישט אָנגעקומען אַהין באַצייטענס. דער דאָקטאָר האָט אָבער גע'טענה'ט, אַז ער האָט איר אויסגעהיילט, איז ער דער וואָס האָט איר געראַטעוועט...

האָט דער קעניג איבערגעגעבן די החלטה פאַר זיין טאָכטער, זי זאָל אַליין באַשליסן וועלכער פון די דריי מענטשן האָט געראַטעוועט איר לעבן. האָט די טאָכטער פונעם קעניג געזאָגט:

- אַוודאי האָט דער מענטש מיט'ן קוקער אַרויסגעהאָלפן אין מיין רפואה, און אויך דער מענטש וואָס האָט געפירט דעם אויטאָ, אָבער אויב מ'פרעגט מיט וועמען איך וויל חתונה האָבן? איז אוודאי דער תשובה מיט דער דאָקטאָר, ווייל אויב איך וועל חתונה האָבן מיט'ן דאָקטאָר, [וועט ער דאָך שטענדיג זיין נעבן מיר] דאַן אויב עס וועט נאָך אַמאָהל ח"ו פאַסירן וועט ער מיך דאָך גלייך קענען אויסהיילן!

דער נמשל איז: אַוודאי זענען דאָ נאָך שותפים אין די בריאה פון מענטש, אביו, אמו, זיין טאַטע און מאַמע, אָבער מען מוז דאָך אייביג אָנקומען צו דעם באַשעפער, ער איז דער הויפט-שותף אין דעם מענטש.

גאַנצע תורה (עי' ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג), און דער פסוק זאָגט (דברים כד, טו) "ביומו תתן שכרו", מען דאַרף באַצאָהלן פאַר אַן אַרבייטער און יענעם טאָג, און ס'איז אויך דאָ דערויף אַ לאו פון "לא תלין פעולת שכיר" (ויקרא יט, יג), מען זאָל נישט נעכטיגן דער געהאַלט פון אַן געדינגענעם אַרבייטער?

**ענטפערט** דער רבי ר' העשיל, ווייל עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (חושן משפט סימן של"ט סעיף ז') אַז דער לאו פון "לא תלין פעולת שכיר" איז נאָר שייך וואו דער בעל הבית דינגט אַליין די אַרבייטער, אָבער אויב ער דינגט זיי דורך אַ שליח, איז נישטאָ דער לאו פון "לא תלין". דעריבער, ווייבאַלד דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה דורך אַ שליח, משה רבינו, איז נישטאָ קיין לאו פון "לא תלין" ביי דעם אויבערשטען כביכול.

**עס** זענען אָבער דאָ צוויי מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט אַליין געגעבן צו די אידן אָן אַ שליח: "אנכי ולא יהיה לך, מפי הגבורה שמענו" (מכות כד.) - די מצוות "אנכי ה' אלקיך", און "לא יהיה לך א' אחרים", האָבן מיר געהערט פון דעם באַשעפער אַליין, און אויב אַזוי, צאָהלט דער אויבערשטער טאַקע יאָ שכר פאַר אמונה אויף דער וועלט, ווייל די צוויי מצוות פון אמונה, האָבן מיר געהערט פון דעם אויבערשטען אַליין דעם ציווי דערויף, איז אויף דעם יאָ שייך "לא תלין" און "ביומו תתן שכרו".

**דאָס** איז די כוונה פון מדרש "אין ישראל נזונין (בעולם הזה) אלא בזכות האמונה", ווייל אין זכות פון אמונה באַקומט מען שכר אויך אויף דער וועלט, צוליב דעם וואָס דער אויבערשטער איז מקיים "ביומו תתן שכרו" און "לא תלין".

**מיט** דעם טייטשט דער "בנין דוד" דעם פסוק (כח, טז) "אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי", י"ש איז די ראשי תיבות י'ש ש'כר, ווייבאלד דער אויבערשטער צאָהלט שכר אויף דער וועלט פאַר "ואנכי לא" "אנכי ה' אלקיך" און "לא יהיה לך", "ידעתי" - אויב אַזוי, פאַרשטיי איך שוין יעצט פאַרוואָס דער אויבערשטער אַליין האָט געזאָגט "אנכי ולא יהיה לך".

**ער** ברענגט אויך פון ספרים (כ"כ בספה"ק ישמח משה פ' בשלח בשם האור חדש בספרו חוות יאיר) אויף דעם פסוק וואָס שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט (קהלת ד, ט) "טובים השנים מן האחד וגו' אשר יהיה להם שכר טוב בעמלם". "טובים השנים" - די צוויי דיברות, "אנכי", און "לא יהיה לך", האָבן מיר געהערט "מן האחד", פון דעם אחד יחיד ומיוחד אַליין, אָן אַ שליח, פאַרוואָס? "אשר יהיה להם שכר טוב בעמלם", כדי מיר זאָלן קענען האָבן אַ גוטן שכר אויך אויף דער וועלט, ווייל אויף אמונה גיט דער אויבערשטער שכר אויך אויף דער וועלט.

**דער** "שפת אמת" שרייבט (שנת תר"נ), אַז אין פרשת ויצא איז נישטאָ קיין פתוחה וסתומה, ווייל די פתוחות וסתומות זענען נאָר כדי ליתן ריוח להתבונן בין פרשה לפרשה, אָבער דאָ שטייט דאָך אין פסוק "והנה אנכי עמך" (כח, טו), און דאָס האָט יעקב אבינו ע"ה געוואוסט אָן אַ אויפהער ביז'ן סוף, אַז "והנה אנכי עמך", און אַזוי האָט ער געקענט אויסהאַלטן פון עשו און לבן.

**ענליך** ווערט געברענגט אויף די מעשה פון מרים הנביאה, ותתצב אחותו מרחוק לדעה מה יעשה לו, מרים הנבואה האָט זיך געשטעלט פון דערווייטענס, צו זעהן וואָס ווערט מיט די קאַסטן וואָס משה רבינו ליגט אין דעם (שמות ב, טו), און די חז"ל דרש'ענען (סוטה יג.) לידע מה יהא בסוף נבואתה, וואָס וועט דאָ זיין מיט די נבואה אירע אַז משה רבינו וועט באַלייכטען די וועלט. פלוצלינג האָט זי געזעהן בתי' בת פרעה קומען, האָט מרים זיך דערשראָקן, נאָר דאָס פעלט אויס אַז די טאָכטער פון פרעה הרשע, וואָס ער האָט גוזר געווען (שמות א, כב) "כל הבן הילוד היארה תשליכוהו", זאָל דאָס באַמערקן. האָט זי מתפלל

געווען, אַז בתי' זאָל נישט צוליגן אַ האַנט צו משה. אָבער וואָס איז געווען דער סוף? פון בתי' איז געקומען די הצלה, און ביז אַ פּאָר מינוט איז משה שוין געווען אין די הענט פון זיין מוטער, יוכבד.

**דער** לימוד דערפון: דער מענטש דאָ ווייסט גאָרנישט, אָבער דער בורא כל עולמים גרייט צו פאַר איהם די ישועה, ווי צדיקים האָבן געטייטשט דעם פסוק (תהלים קיח, ה) "מן המיצר קראתי י"ה", דער מענטש שרייט, עס איז מיר ענג, אָבער "ענני במרחב י"ה", דער אויבערשטער ענטפערט איהם, עס איז גאָרנישט ענג, עס איז גאָר ברייט - "במרחב" [ד].

**דער** "חובות הלבבות" שרייבט, דער קעניג באַפעהלט פאַר דעם סרדיוט, און דער סרדיוט באַפעהלט פאַר דעם פקיד, דער פקיד באַפעהלט פאַר דעם שוטר, און דער שוטר שלאָגט מיט דעם שטעקן. דער שטעקן איז דאָך די קלענסטע מדרגה דאָ, אָבער ער שלאָגט. אויב מען וויל אַז דער שטעקן זאָל נישט שלאָגן, דאַרף מען גיין צום קעניג אַליין. זאָגט דער "חובות הלבבות", אַז דער מענטש דאַרף פאַרשטיין, ער זאָל בעטן פון דעם קעניג, דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה [ה].

**עס** ווערט געברענגט אין די כתבים פון ווילנער גאון זצ"ל, אַז דער גאון האָט געהאַט בקבלה, אַז יעדע מחשבה אויף אַ זאַך פונעם עבר, אַ מענטש טראַכט, איך וואָלט געקענט טוהן אַזוי אָדער אַזוי, ברוחניות אָדער בגשמיות, אָבער אויב עס האָט נישט קיין שום תועלת אויף דעם עתיד, איז דאָס אַ מחשבה פון די מרכבה טמאה [ו].

**דורך וראשו מגיע השמימה איז מען זוכה צו ושמרתיך בכל אשר תלך**

**דער** בעל הטורים זאָגט אויפ'ן פסוק (כח, יב) סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, רמז למי שמושלך לארץ לפי שעה יעלה השמימה, דער פסוק איז מרמז, אַז אַ מענטש וואָס איז נעבעך בשפל המצב אפילו לפי שעה, אָבער צום סוף וועט ער

---

**ד.** הגאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל האָט אַמאָהל געפרעגט דעם בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, אויף די שיטה פון רבינו תם, אַז מען קוקט אין הימל זעהט מען אַז עס איז טונקעל, מען זעהט שוין די שטערן? האָט דער בריסקער רב געענטפערט:

- מ'קוקט נישט אויפ'ן הימל, מ'קוקט אין שולחן ערוך, און דאָרט שטייט אַז לויט רבינו תם איז נאָך טאָג!

**ה.** על דרך משל, אַ פּאָסט מאַן ברענגט פאַר אַ מענטש אַ מתנה, אַ טשעק פון אַ מיליאָן דאָלאַר. וועט דאָך דער מענטש נישט דאַנקען דעם פּאָסט טרעגער, נאָר פאַר דעם וואָס האָט איהם געשיקט דעם טשעק. דאָס זעלבע ווען ער ברענגט אַ רויטן צעטל אַז דער מענטש דאַרף גיין זיצן אין תפיסה רח"ל, וועט ער אַוודאי נישט זיין ברוגז אויף דעם פּאָסט טרעגער, ווייל ער איז דאָך נישט מער ווי אַ שליח פון דער מלוכה וואָס מ'האָט איהם געשיקט.

אויך פון דעם קענען מיר לערנען, אַז מיר דאַרפן פאַרשטיין אַז אַלעס איז פון דעם אלופו של עולם.

**ו.** עס איז שגור בפי העולם, ווען אַ מענטש וויל זאָגן אַ זאַך קלאָר, אַז מען זאָל זיך נישט קענען טועה זיין, אָדער אויסגענאַרט ווערן, זאָגט מען דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כח, יט) "ברחל בתך הקטנה". קען מען זאָגן אַ כוונה אין דעם בדרך מליצה, ווייל יעקב אבינו האָט געזאָגט "ברחל, בתך, הקטנה", און פונדעסטוועגן האָט לבן איהם אָפּגענאַרט. וועגן דעם זאָגט מען "ברחל בתך הקטנה", כדי מרמז צו זיין, איך זאָג טאַקע "ברחל בתך הקטנה", כדי זיך צו באַוואָרענען מיט אַ קלאָרע שפּראַך, אָבער פונדעסטוועגן ווייס איך אויך און איך גלייב, אַז דער רבונו של עולם קען אַלעס משנה זיין... איך טוה נאָר מיין השתדלות.

נתעלה ווערן ביז'ן הימל. יעצט איז דיר שווער דיין מצב, אָבער עס וועט בעסער ווערן.

**ער** שרייבט אויך "סולם בגימטריא ממו"ן, ובגימטריא עונ"י". דאָס איז מרמז אַז דאָס געלט איז "עולים ויורדים", ווי די חז"ל זאָגן (שבת קנא:) גלגל הוא שחוזר בעולם.

**מענין** זה טייטשט דער "ייטב לב" אין דער היינטיגער סדרה (ד"ה ג' ויצא יעקב), דעם פסוק והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו, מלאכים זענען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ דעם לייטער, ווייל דער רמב"ם ז"ל שרייבט אין מורה נבוכים, (ח"ג, פרק מא) ועם הפנות מחשבת האדם והשיגו האלוקי יתברך בדרכים האמתיים ושמחתו במה שהשיג, אויב די מחשבה פון מענטש ווענדעט זיך אָפּ, און ער איז דבוק אין דעם אויבערשטען, קען איהם נישט פאַסירן קיין שום שלעכטס, ווייל ער איז דבוק אין דעם אויבערשטען, און דער אויבערשטער איז מיט איהם. אָבער ווען ער ווענדעט אָפּ זיין מחשבה פון דעם אויבערשטען, וואָס דעמאָלס איז ער אָפּגעטיילט פון דעם באַשעפער, איז דער באַשעפער אָפּגעטיילט פון איהם, און דעמאָלס איז ער אָנגעגרייט פאַר יעדן שלעכטס וואָס קען איהם פאַסירן ח"ו. אָבער אויב די מחשבה פון מענטש איז דבוק אין דעם אויבערשטען, איז דאָך דער אויבערשטער מיט איהם, און עס קען איהם נישט פאַסירן קיין שלעכטס ח"ו.

**זאָגט** דער רמב"ם ווייטער, אַז אויב אַ מענטש איז מופקר למקרי הזמן און איז מזומן געגעסן צו ווערן ווי בהמות ח"ו, איז עס דערפאַר ווייל ער האָט נישט געטראַכט פון דעם אויבערשטען, און דער אויבערשטער איז פון איהם אָפּגעטיילט.

**מיט** דעם טייטשט דער "ייטב לב", אַז דאָס האָט יעקב געזעהן אין חלום, "והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה", דער מענטש איז אויף דער ערד, אָבער זיין קאָפּ, זיין מחשבה, "והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו", צדיקים האָבן אויך עליות און ירידות. דער מענטש דאַרף נאָר וויסן איין זאַך: "והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך" - דאָס הייסט, וויפיל דו טראַכסט פון מיר, וויפיל דער אנכי איז מיט דיר, אַזוי פיל וועל איך טאקע זיין מיט דיר, ושמרתיך בכל אשר תלך, איך וועל דיך אָפּהיטן אין אַלע דיינע וועגן.

**דער** מדרש אין דער היינטיגער סדרה זאָגט (תנחומא ויצא, ג) מורא'דיגע ווערטער: אמר רבי ברכי', רבי ברכי' האָט געזאָגט, אַלעס וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געבעטן ביי דעם אויבערשטען, האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט דערויף. יעקב האָט געזאָגט, "אם יהיה אלקים עמדי" - "אויב דער אויבערשטער וועט זיין מיט מיר", "השיבו והנה אנכי עמך", האָט איהם דער אויבערשטער געענטפערט "איך וועל זיין מיט דיר". "אמר, ושמרני בדרך הזה אשר אנכי הולך", ער האָט געבעטן דער אויבערשטער זאָל איהם היטן אויף דעם וועג וואו ער גייט, "השיבו, ושמרתיך בכל אשר תלך", האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט, "איך וועל דיך היטן וואו דו וועסט גיין". אמר, 'ושבתי בשלום אל בית אבי", "יעקב אבינו האָט געבעטן 'איך זאָל זיך אומקערן בשלום צו מיין טאַטן'ס הויז'", השיבו, "והשיבותיך אל האדמה הזאת", דער אויבערשטער האָט איהם געזאָגט, "איך וועל דיך אומקערן צו דעם דאָזיגן לאַנד". "אמר, ונתן לי לחם לאכול", ווען יעקב אבינו האָט געבעטן, "דער אויבערשטער זאָל מיר געבן ברויט צו עסן", "ולא השיבו על הפרנסה", אויף די דאָזיגע בקשה, אויף פרנסה, האָט דער אויבערשטער איהם נישט געענטפערט.

**פאַרוואָס** האָט דער אויבערשטער איהם נישט געענטפערט אויף די בקשה וועגן פרנסה? זאָגט רבי ברכי', "אמר הקדוש ברוך הוא, אם אני מבטיחו על הלחם, מה הוא מבקש ממני

עוד?" - "אויב איך וועל איהם צוזאָגן ברויט, וואָס וועט ער יעצט בעטן?". "לפיכך לא הבטיחו על הלחם". וועגן דעם האָט דער אויבערשטער איהם נישט פאַרזיכערט אַז ער וועט איהם געבן ברויט.

**זעהען** מיר דאָ אַ מורא'דיגע זאַך, דער רבונו של עולם האָט געוואָלט האָבן אַ קשר מיט יעקב אבינו, ער זאָל מתפלל זיין צו איהם.

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר אונז, אַז דער רבונו של עולם וואַרט אויף אונז, אויף דעם קשר. אויב עס פעהלט דיר עפּעס, זאָלסטו וויסן אַז דער רבונו של עולם וואַרט אויף דיין תפלה.

**וראשו מגיע השמימה - די קאפ זאל ליגן אין העכער'ס**

**דער** "חתם סופר" זאָגט אויפ'ן פּסוק (כח, יב) ויחלום והנה סולם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה, יעקב אבינו האָט זיך געחלום'ט ווי אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און דער שפּיץ קומט אָן אין הימל. ברענגט ער צו דער יעב"ץ, וואָס זאָגט "שמים" איז אַ צוזאַמשטעל פון די אותיות "אש מים". אויב אַזוי פעלט אין דער וואָרט שמים אַן אל"ף, עס וואָלט געדאַרפט הייסן "אשמים". די ערד ווערט אָנגערופן "ארץ", ווייל זי איז געלאָפן טוהן דעם רצון פון דעם אויבערשטען ב"ה, ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פ"ה, ח), "שרצתה לעשות רצון קונה". אויב אַזוי, וואָלט די ערד געדאַרפט הייסן "רץ", איז דאָ אַן איבעריגע אל"ף אינעם וואָרט "ארץ".

**זאָגט** דער יעב"ץ, אַז די אל"ף פון "שמים" איז געשטעלט געוואָרן אין וואָרט "ארץ", כדי אונז צו לערנען דערמיט, אַז אין אַלע ענינים פון ארציות, זאָל מען אויך זיין הימליש. ווען אַ איד איז עוסק אין גשמיות, זאָל ער געדענקען דעם אלופו של עולם.

**לויט** דעם זאָגט דער "חתם סופר", אַז דאָס איז די כוונה פון פּסוק: יעקב אבינו האָט געדאַרפט אַרויסגיין אַרבייטן ביי לבן, האָט ער גע'חלומ'ט "סולם מוצב ארצה", מען דאַרף טאַקע אַרבייטן אויף די ערד, אָבער "וראשו", דער ערשטער אות פונעם וואָרט "ארץ", "מגיע השמימה" - קומט פון וואָרט "שמים", אונז צו לערנען אַז ווען מען אַרבייט אויף דער ערד דאַרף מען האָבן אַ "הימלישן בליק"ז.

---

**ז.** אַ יונגערמאַן וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגיין אַרבייטן אויף פרנסה, איז געקומען צו הרה"ק רבי יחזקאל'ע קוזמירער זי"ע, און געבעטן אַ ברכה און אַ הדרכה איידער ער גייט אַרבייטן אויף פרנסה. האָט איהם דער קוזמירער געזאָגט:

- מיר געפינען ביי יעקב אבינו, ווען ער האָט געדאַרפט אַרויסגיין פון בית שם ועבר (בראשית כח, יא) "ויקח מאבני המקום, וישם מראשותיו", ער האָט גענומען פון דעם אָרט שטיינער און אַרומגעלייגט צוקאָפּענס. וואָס האָט יעקב אויפגעטוהן מיט דעם וואָס ער האָט געלייגט די שטיינער אַרום דעם קאָפּ אַלס שמירה קעגן די חיות, זיין גאַנצער גוף איז דאָך געבליבן אָפן? נאָר וואָס דען, עס איז אַ משל צו אַ פויגל וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ בלאָטע, איז ער אין אַ ביטערן מצב, אָבער אויב זיינע פליגל זענען נאָך אינדרויסן העכער די בלאָטע, קען ער נאָך אַרויספליהען פון דאָרט. אָבער אויב די פליגל זענען אויך אין די בלאָטע, איז זעהר ביטער, ווייל ער קען נישט אַרויספליהען פון די בלאָטע. אָבער אויב זיין קאָפּ איז אינדרויסן פון די בלאָטע, קען ער נאָך אַלץ שרייען מיט'ן מויל און עמיצער וואָס וועט הערן זיין געשריי, קען אַרויסנעמען דעם פויגל פון די בלאָטע. אָבער אויב דער קאָפּ פונעם פויגל איז אויך אין די בלאָטע, דעמאָלס איז ער אַ פאַרלוירענער...

- דער נמשל איז, יעקב אבינו האָט געוואוסט אַז ער דאַרף אַרויסגיין אויף די גשמיות'דיגע וועלט,

**והנה ה' נצב עליו**

**ווען** דער גערער רבי בעל "פני מנחם" זצ"ל איז געווען אַ יונגעל, האָט ער געפרעגט זיין מלמד ביים לערנען פרשת ויצא, פאַרוואָס איז יעקב אבינו ע"ה נישט אַרויף אויפ'ן לייטער? האָט דער מלמד געענטפערט: "עס איז אַ גוטע שאלה, פרעג דעם רבי'ן" (זיין טאַטן, דעם "אמרי אמת" זצ"ל).

**האָט** דער "פני מנחם" געפרעגט דעם "אמרי אמת" די שאלה, פאַרוואָס איז יעקב נישט אַרויף אויפ'ן לייטער? האָט דער "אמרי אמת" געענטפערט, "עס איז דאָך געווען אַ חלום". האָט דער "פני מנחם" געפרעגט: "אָבער פאַרוואָס איז יעקב נישט אַרויף אויפ'ן לייטער אין חלום?". האָט דער "אמרי אמת" געענטפערט:

- "והנה ה' נצב עליו", דער בורא כל עולמים איז געשטאַנען נעבן איהם, טאָ וואָס האָט ער געהאַט צו גיין אַרויף אויפ'ן לייטער, זוכן מלאכים אין הימל[ח]?

**דער** געדאַנק דערפון איז, אַז יעקב אבינו האָט געוואוסט, וואו איך בין האָב איך דעם בורא כל עולמים מיט מיר, איך דאַרף נישט אַרויפגיין זוכן מלאכים אין הימל! "נצב ארצה, וראשו מגיע השמימה".

**אויף אַלעם דאַרף מען דאַנקען השי"ת**

**אויף** דעם פסוק הפעם אודה את ה', ווערט געברענגט, פאַרוואָס האָט לאה געדאַנקט ערשט ביים פערטן קינד? נאָר די אמהות זענען געווען נביאות, און זיי האָבן געוואוסט אַז יעדע איינע פון זיי וועט געבוירן דריי שבטים, און ווען לאה האָט געזעהן אַז זי האָט געהאַט דעם פערטן זוהן, האָט זי פאַרשטאַנען אַז איינע פון די אַנדערע אמהות וועט האָבן בלויז צוויי קינדער (ווי ס'האָט טאַקע פאַסירט מיט רחל), און דערפאַר האָט זי געלויבט דעם אויבערשטען, ווייל יעצט האָט זי נאָך מער באַגריפן אַז מען דאַרף דאַנקען דעם באַשעפער אַפילו פאַר'ן ערשטן קינד[ט].

**דער** "קדושת לוי" שרייבט אויף די נעמען וואָס די אמהות האָבן געגעבן פאַר זייערע קינדער,

---

האָט ער אַרומגעלייגט שטיינער אַרום זיין קאָפּ, ווייל ער האָט געזוכט אַ שמירה פאַר זיין קאָפּ, דער קאָפּ זאָל זיין אָפּגעהיטן פון די חיות, "זיין קאָפּ זאָל נישט זיין, חלילה, אין בלאָטע"...

מיט דעם טייטשן די ספרים (כן מובא בשיח שרפי קודש, ח"א אות רנ"ד, בשם הרה"ק רבי בונם מפשיסחא זצ"ל): דעם פסוק (תהלים קכח, ב) "יגיע כפי"ך כי תאכל אשריך וטוב לך", אויב דו דאַרפסט אַרבייטן, זאָלסטו אַרבייטן נאָר מיט די הענט, נישט מיט'ן קאָפּ.

**ח.** אין ספר "ליקוטי יהודה" ווערט געברענגט די דאָזיגע מעשה אויף אַ פאַרקערטן אופן, אַז דער "פני מנחם" האָט געענטפערט די שאלה, און דער "אמרי אמת" האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין ענטפער.

**ט.** הגאון רבי מיכאל בער ווייסמאַנדל זצ"ל, וועלכער האָט גערעטעוועט טויזענטער אידן אין צייט פון דער ביטערער צווייטער וועלט-מלחמה, שרייבט, אַז ער האָט שוין געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו ראַטעווען טויזנטער אידן (פון אונגאַרן) (און מ'האָט שוין אַפילו באַצאָהלט געלט פאַר די רשעים לצורך זה) אָבער ליידער איז עס געשטערט געוואָרן דורך געוויסע חברה (די ציוניסטן). שרייבט ער, אַז ווען ער איז שוין געווען אין אַמעריקע איז ער געגאַנגען צום ליובאַוויטשער רבי'ן, הרה"ק רבי יוסף יצחק זצ"ל, און זיך אָפּגערעדט פון האַרצן. דער רבי ריי"ץ האָט איהם אָנגעקוקט און געזאָגט מיט אַ תנועה:

- און ווער האָט דאָס אַלעס געטאָן?!

שרייבט רבי מיכאל בער, אַז די דאָזיגע ווערטער פון ליובאַוויטשער רבי'ן האָבן אין איהם אַריינגעבלאָזן אַ פרישן רוח החיים, און דעמאָלס האָט ער געגרינדעט (צוזאמען מיט זיין שוואגער) די נייטרער ישיבה אין אַמעריקע.

ראובן כי ראה ה' בעניי, שמעון כי שמע ה' כי שנואה אנכי, אַז זיי האָבן דאָס געטוהן צו לערנען אונז, אַז מ'זאָל געדענקען, קיין זאך פּאַסירט נישט סתם אַזוי. יעדער מסובב האָט אַ מסבב. דער אויבערשטער איז משגיח מיט א השגחה פּרטית אויף יעדע זאַך אין דער וועלט, "להשפיע לנו טובות וברכות" - משפיע צו זיין אויף אונז טובות און ברכות.

**דער** מהר"ל שרייבט (גור ארי', פרשת ויחי, ד"ה שהשכינה למעלה וכו') אויף די ווערטער פון די חז"ל, שכינה למעלה ממראשותיו של חולה, דער שכינה רוהט צוקאָפּנס פון אַ קראנקער, זאָגט דער מהר"ל, אַז דאָס איז גילטיג נישט נאָר פאַר אַ חולה, נאָר יעדעם צובראָכען האַרץ. דער אויבערשטער האָט ליב אַ לב נשבר ונדכה, און ווען אַ מענטש רעדט זיך איין אַז ער איז אַן "איך", איז דאָס אַ חציצה צווישן איהם און דעם באַשעפער, מה שאין כן אַ צובראָכן האַרץ, האָט דאָך נישט קיין חציצה צווישן דעם באַשעפער און דעם מענטש. דער חולה האָט נעבעך יסורי הגוף, איז ער צובראָכן, ממילא האָט ער השראת השכינה[י].

### הפעם אודה את ה'

**מיר** געפינען אין דער פרשה (כט, לה) ביים געבוירן דעם פערטן קינד, האָט לאה געזאָגט: הפעם אודה את ה', "דאָס מאָהל וועל איך לויבן דעם אויבערשטען". פאַרוואָס האָט זי געלויבט דעם אויבערשטען ערשט ביים פערטן קינד?

**נאָר** עס איז ידוע פון די חז"ל (עירובין יב.) מודים, מכלל דפליגי, טאָמער שטייט אויף צוויי אַז זיי זענען מודה אויף איין ענין, הייסט דאָס אַז ביז יעצט האָט מען זיך געקריגט, און יעצט איז איינער זיך מודה צום צווייטען. לאה האָט יאָהרן לאַנג נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איז זי אַזאַ "שנואה", פאַרוואָס האָט יעקב איר פיינט? יעצט ווען לאה האָט געזעהן, אַז זי האָט געבוירן דאָס פערטע קינד, האָט זי דאך שוין באקומען מער ווי זי האָט געדאַרפט געבוירן (יעדע איינע פון די אמהות האָבן געדאַרפט האָבן דריי קינדער), מוז דאָך זיין אַז דאָס איז דערפאַר ווייל זי איז געווען אַ "שנואה". אויף דעם האָט זי יעצט מודה געווען צו דעם באַשעפער, אַז יעצט פאַרשטייט זי אַז עס האָט זיך געלוינט צו זיין אַ "שנואה"[יא].

**אַוודאי** זעהט מען דאָס נישט אייביג, עס זענען דאָ נסיונות, ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פס"ח, י) אויפ'ן פסוק (כח, יא) ויפגע במקום, נעשה כל העולם כמין כותל, די גאַנצע וועלט איז געוואָרן פאַר יעקב אבינו ע"ה ווי אַ וואַנט (על דרך צחות, ווי די וועלט זאָגט, "מ'טאַפּט אַ וואַנט"). רבנן אמרי, די חכמים האָבן געזאָגט, "כיבא" איז פון אַ לשון פון פאַרלאָשן ("כיבה"), די זון איז אונטערגעגאַנגען און אַלעם האָט איהם אויסגעזעהן פאַרלאָשן.

**זאָגט** דער מדרש ווייטער, משל למלך, עס איז אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט געהאַט אַ גוטן פריינט וואָס איז געקומען צו איהם פון צייט צו צייט. ווען דער גוטער פריינט איז געקומען, האָט דער קעניג באַפוילן אויסצולעשן די לעכט און די לעמפּ, ווייל ער וויל יעצט רעדן מיט זיין גוטן פריינט בצנעה, באַהאַלטענערהייט (קיינער זאָל נישט הערן). דאָס זעלבע ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט

---

**י.** פון הייליגן ריזשינער זי"ע ווערט געברענגט, אַז יסורי הנפש זענען ערגער ווי יסורי הגוף.

**יא.** אַזוי שרייבט דער אור החיים הקדוש (דברים כא, טו) "והיה הבן הבכור לשניאה". לכאורה וואָלט געדאַרפט שטיין "אם יהיה הבן הבכור לשנואה", אויב דער עלטערער זוהן וועט געבוירן ווערן ביי די פאַרפיינטעטע פרוי? זאָגט דער אור החיים הק', אמר הכתוב בדרך ודאית, דער פסוק זאָגט מיט זיכערקייט, אַז די שנואה וועט אייביג געבוירן דעם ערשטן זוהן, כי ה' יראה בנשברי לב לסומכם, דער אויבערשטער העלפט די צובראָכענע הערצער און האַלט זיי אונטער, על דרך וירא ה' כי שנואה לאה, ע"כ.

רעדן מיט יעקב אבינו, איז די זון אונטערגעגאַנגען, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט רעדן מיט איהם בּאַהאַלטענערהייט.

**דער** לימוד פון דעם לענינינו: יעקב אבינו האָט געזעהן אַז עס איז טונקל געוואָרן, האָט ער פון דעם פאַרשטאַנען אַז דאָ וויל דער אויבערשטער רעדן מיט איהם, "כי בא השמש", דווקא דאָ וואו עס איז טונקעל געוואָרן, וועט דער אויבערשטער רעדן מיט איהם.

**דער** "ישמח ישראל" שרייבט אין דער היינטיגער פרשה (אות ג') אויף דעם מאמר פון דער משנה (ברכות כו.) תפלת הערב אין לה קבע, תפלת מעריב האָט נישט קיין קביעות, און די גמרא פרעגט דאָרט (דף כז:) ליתני תפלת הערב זמנה כל הלילה, זאָל די משנה זאָגן אַז די צייט צו דאַווענען מעריב איז אַ גאַנצע נאַכט, עיי"ש.

**טייטשט** דער "ישמח ישראל", עס איז פאַראַן תפילות פון גרויסע זמנים ווי למשל ר"ה צו יוה"ק או"ו, אָבער "תפלת הערב" איז מרמז אויף אַ מענטש וואָס דאַווענט ווען ער איז בעירבוב, ער איז צעמישט און צעקלאַפּט, און ער גיט אַ ווי געשריי, אַזאַ תפילה איז "אין לה קבע" - דאָס קומט אָן ביז צום באַשעפער העכער ווי אַלע אַנדערע תפילות, ווייל "חסדי ה' כי לא תמנו ולא כלו רחמיו", "עד עמוד השחר" פון אַזאַ תפילה ווען ער איז צומישט און צוחוש'ט ווערט ער דערלויכטען ווערן, דער אויבערשטער וועט איהם העלפן און דערלייכטן זיינע אויגן, ער זאָל נאָר האבן שכל צו שרייען און דאַווענען און נישט אויפגעבן.

**פון אַ קריגעריי קומט נישט אַרויס קיין גוטס**

**דער** ווילנער גאון זצ"ל זאָגט אויף די ווערטער פון רש"י, אַז פון אַלע שטיינער וואָס האָבן זיך אַרומגעשלאָגן צווישן זיך "עלי יניח צדיק את ראשי", איז געוואָרן איין גרויסער שטיין. פרעגט דער גאון, אויב עס איז יאָ געשעהן אַזאַ נס, פאַרוואָס איז נישט געוואָרן דערפון עפּעס אַ ווייכע זאַך?

**ענטפערט** דער ווילנער גאון, אַז דער באַשעפער האט געוואָלט ווייזן, אַז פון אַ קריגעריי קען נישט אַרויסקומען אַ ווייכע זאַך[יב].

**הרה"ק** רבי בונם פון פשיסחא זצ"ל האָט געזאָגט (מובא בקול שמחה) בדרך הלצה, אָבער מיר דאַרף נעמען ערנסט די דאָזיגע "הלצה". אויפ'ן פסוק (ל, א) "ותרא רחל כי לא ילדה ליעקב" וגו', ותקנא רחל באחותה. רחל האָט מקנא געווען איר שוועסטער לאה, און זי האָט געזאָגט צו יעקב, "הבה לי בנים, ואם אין מתה אנכי", גיב מיר קינדער, און אַז נישט וועל איך שטאַרבן. "ויחר אף יעקב ברחל", האָט יעקב פאַרדראָסן אויף רחל.

**זאָגט** דער רבי ר' בונם אַ מורא'דיגע זאַך, אַז רחל האָט אויפגעכאַפּט די נקודה, פאַרוואָס לאה

**יב.** אַזוי האָט אַמאָהל געזאָגט דער טשעבינער רב זצ"ל: "פון יעדן שאַרפן טריט, האָט אַ איד חרטה".
ביי הרה"ק בעל "קדושת יום טוב" זצ"ל אבד"ק סיגעט, איז געלעגן אויף זיין טיש אַ שטיין. האָט אַ איד אַמאָהל געפרעגט דעם "קדושת יום טוב" פאַרוואָס ער האַלט דעם שטיין אויפ'ן טיש.
האָט דער "קדושת יום טוב" געענטפערט, אַז דער דאָזיגער שטיין איז אַמאָהל אַריינגעפלויגן אין צימער פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל "ייטב לב" זצ"ל, וואָס די שונאים האָבן עס אַריינגעוואָרפן דורכ'ן פענצטער. ווען די חסידים האָבן געזעהן אַז דער לאָך אינעם פענצטער איז קלענער ווי דער שטיין, האָבן זיי געפרעגט דעם "ייטב לב", ווי אַזוי איז מעגליך אַז דער לאָך אין פענצטער איז קלענער ווי דער שטיין?!
האָט דער "ייטב לב" געענטפערט בדרך צחות:
- אונזערע שונאים האָבן טאַקע אַריינגעוואָרפן קליינע שטיינדלעך, אָבער יעדער שטיין האָט געזאָגט "עלי יניח צדיק את ראשי", איז פון די שטיינער געוואָרן איין גרויסער שטיין...

האָט געבוירן קינדער באַלד נאָך די חתונה, וירא ה' כי שנואה לאה, ווייל לאה איז פאַרפײנטעט. האָט רחל געטראַכט ביי זיך, אויב אַזוי, וועל איך עס אויך מאַכן, און זי האָט אָנגעהויבן זיך קריגן מיט יעקב כדי זי זאָל ווערן אַ "שנואה", און וועגן דעם האָט זי זיך געקריגט מיט יעקב, הבה לי בנים וגו' ויחר אף יעקב ברחל, יעקב האט זיך געצערנט אויף רחל, און טאַקע באַלד דערנאָך איז רחל געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד.

**אַוודאי** דאַרפן מיר נישט טוהן אַזעלכע פעולות, אָבער מיר דאַרפן פאַרשטיין אַז אויב עמיצער טשעפּעט מיט אונז, זענען מיר געהאָלפענע. "וירא ה' כי שנואה לאה, ויפתח את רחמה".

**דער** חיד"א זצ"ל שרייבט (צוארי שלל, הפטרה לפרשת חקת) אויף די ווערטער פון דער משנה (אבות פ"ד מ"ג) "אל תהי בז לכל אדם וכו' שאין לך אדם שאין לו שעה".

**דער** פשוט'ער פשט פון די משנה איז, זאָלסט נישט מזלזל זיין אין קיין שום מענטש, ווייל ס'איז מעגליך אַז דו וועסט נאָך אַמאָהל דאַרפן אָנקומען צו איהם, "שאין לך אדם שאין לו שעה", עס איז מעגליך אַז יענער מענטש וועמען דו האָסט פאַרשעמט, וועט אַמאָהל גרויס ווערן און דו וועסט דאַרפן אָנקומען צו איהם (ראה גם בספרו חסדי אבות על מסכת אבות שם).

**דער** חיד"א טייטשט אָבער, זאָלסט נישט מזלזל זיין אין קיין שום מענטש, ווייל דער בורא כל עולמים האָט אַריינגעלייגט אין טבע הבריאה, אַז יעדער מענטש וואָס איז מזולזל, ווערט אַמאָהל גרויס, ממילא זאָלסטו נישט מזלזל זיין אין יענעם, ווייל דורך דעם וועסט דו דאַרפן אָנקומען צו איהם.

[**אַזוי** שרייבט דער אבודרהם אויף די ווערטער וואָס מיר בעטן ביים סוף פון שמונה עשרה: "ונפשי כעפר לכל תהיה", פונקט ווי די ערד וואָס יעדער טרעט אויף איר, אָבער צום סוף איז די ערד אויף דעם מענטש, אַלע דאַרפן אָנקומען צו איר, אַזוי זאָל זיין דער מענטש, ער זאָל וויסן, אַז אויב מען טרעט אויף איהם, וועט מען דאַרפן אָנקומען צו איהם].

**דער** חיד"א ברענגט אַ ראיה דערצו, פון דעם וואָס יפתח האָט געזאָגט צו זיינע ברודער (שופטים יא, ז-יא) "הלא אתם שנאתם אותי ותרגשוני מבית אבי, ומדוע באתם אלי וגו' ויאמרו זקני גלעד אל יפתח לכן עתה שבנו אליך וגו' וישימו העם אותו עליהם לראש ולקצין", איר האָט דאָך מיר פיינט, איר האָט מיר פאַרטריבען פון אונזער טאַטן'ס שטוב, טאָ וואָס קומט איר צו מיר? האָבן זיי איהם געענטפערט טאַקע דערפאַר זענען מיר צוריקגעקומען צו דיר. דאַרף מען פאַרשטיין וואָס האָבן די מענטשן פון גלעד געענטפערט צו יפתח, "לכן עתה שבנו אליך?" ער האָט דאָך זיי געזאָגט אַז זיי האָבן איהם פיינט, איז וואָס פאַראַ ענטפער האָבן זיי איהם געגעבן אויף זיין טענה?

**זאָגט** דער חיד"א, טאַקע דערפאַר, "בעבור שחטאנו לך וגרשנוך, דין גרמא ששבנו אליך ונצטרכנו לך", טאַקע דערפאַר ווייל מיר האָבן מזלזל געווען אין דיר, דאַרפן מיר אָנקומען צו דיין הילף.

**דעם** לימוד דערפון דאַרף געדענקען סיי דער מזולזל, ער זאָל זיין רואיג אויב מען פאַרשעמט איהם, ווייל מ'וועט נאָך דאַרפן אָנקומען צו איהם, און דאָס זעלבע דאַרף געדענקען דער מזולזל, ער זאָל נישט מזלזל זיין אין אַ צווייטן מענטש, ווייל ער וועט נאָך דאַרפן אָנקומען צו איהם, טאַקע דערפאַר ווייל ער איז מזולזל אין איהם יעצט.

**אַזוי** שטייט אויך אין ספה"ק באר מים חיים, אויפ'ן פסוק (ל, כג) "אסף אלקים את חרפתי", ווען יוסף הצדיק איז געבוירען געוואָרען האָט רחל געזאָגט אַז דער רבש"ע האָט איר פאַרשפּאָרט בושה, ווייל די חז"ל זאָגן (ברכות ה.) "יסורין ממרקין עוונותיו של אדם", ווען אַ מענטש ליידט אַ חרפה, וואָס חרפה

איז די גרעסטע יסורים וואָס אַ מענטש קען ליידן (זיין הייליג לשון: "ואין לך יסורים גדולים מן הבושה והביזוי כשמגיע לאדם"), גייען אַוועק פון איהם די דינים. דאָס זאָגט דער פסוק "אסף אלקים", מדת הדין ("אלקים") ווערט נתאסף און נתעגל, עס ווערט איבערגעדרייט צו רחמים רבים, אַדאַנק "את חרפתי"[יג].

**דער** גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זצ"ל, האָט אַמאָהל געפרעגט זיין זוהן, כ"ק אדמו"ר בעל "פני מנחם" זצ"ל (אַלס קינד), דריי שאלות נאָכאַנאַנד, און ער האָט איהם נישט געלאָזט ענטפערן, נאָר ער האָט אַליין געענטפערט גלייך אויף די שאלות. די שאלות זענען געווען ווי פאָלגענד:

- ווי אַזוי האָט דער לייטער געקענט שטיין אויפ'ן הימל, דער לייטער איז דאָך האַרט און דער הימל איז ווייך? מוז מען זאָגן אַז דער לייטער איז געווען ווייכער ווי דער הימל.

- אויב דער לייטער איז געווען ווייכער פונעם הימל, איז שווער, ווי אַזוי זענען די מלאכים אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן לייטער? מוז מען דאָך זאָגן, אַז די מלאכים זענען געווען נאָך ווייכער ווי דער הימל. פאַרשטייסטו - וואָס ווייכער מ'איז, איז מען מער "הימליש"...

[מ'קען צולייגן בדרך צחות מכאיבה, און וואָס האַרטער מ'איז, איז מען מער אין דער ערד[יד]...]

### דער יצה"ר לאָזט נישט דאַווענען

**דער** שפת אמת זאָגט (שנת תרמ"ד) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, ב) "והאבן גדולה על פי הבאר". דער יצר הרע ווערט אָנגערופן "אבן" (סוכה נב.). "והאבן גדולה" - דער גרויסער יצר הרע, "על פי הבאר", ער לאָזט נישט דעם מענטש דאַווענען, דערפאַר פאַרלייגט ער זיך אויף דעם, ווייל ער ווייסט אַז ווען דער מענטש דאַווענט, איז ער אַ געהאָלפענער, ברוחניות ובגשמיות.

### ויפגע במקום - נישט אויפהערן מתפלל צו זיין

**דער** מדרש זאָגט (ב"ר פמ"ה, ד) הקב"ה מתאוה לתפלתן של רשעים, דער אויבערשטער וואַרט אויף די תפלות פון די צדיקים, און דערפאַר זענען די אמהות געווען עקרות. פאַרוואָס איז לאה נישט געווען קיין עקרה? איז דער תירוץ, ווייל לאה האָט שוין געדאַוונט פריהער, ווי רש"י ז"ל זאָגט אויפ'ן פסוק (כט, יא) "ועיני לאה רכות", אַז דערפאַר

**יג.** הרה"ק רבי מענדעלע פרעמישלאַנער זצ"ל האָט אַמאָהל געמאַכט אַ סעודה וואו מ'האט געטיילט פאַר'ן עולם פיש און פלייש. האָט איינער פון די מקורבים געפרעגט, וואָס האָט פאַסירט? האָט רבי מענדעלע געענטפערט, אַז אַ איד האָט איהם פאַרשעמט בראש כל חוצות, און ער האָט בקבלה מאבותיו ורבותיו הקדושים, אַז אַ בושה נעמט אַוועק אַ מחלה. האָט רבי מענדעלע אויסגעפירט: ווען איך האָב געליטן אַ בושה, האָב איך זיך דאָך איינגעשפּאָרט איך זאָל נישט דאַרפן דורכגיין די מחלה ח"ו מיט אלע טיפּולים און רפואות רח"ל, וואָס דעמאָלס וואָלט איך געדאַרפט מאַכן אַ סעודת הודאה אויף דעם, מאַך איך שוין יעצט די סעודה, אנשטאט שפּעטער...

**יד.** הגאון רבי מיכאל בער ווייסמאַנדעל זצ"ל פלעגט זאָגן:

- וואו איז געווען די ערשטע ישיבה? - אין הר המוריה. ווער איז געווען דער ערשטער ראש ישיבה?

- אברהם אבינו ע"ה. ווער איז געווען דער ערשטער תלמיד? - יצחק אבינו ע"ה. וואָס איז געווען די סוגיא וואָס מען האָט געלערנט? די סוגיא איז געווען מסירות נפש.

לענינינו, מען דאַרף פאַרשטיין, אַז עס פאָדערט זיך טאַקע מסירות נפש אויף די אַלע זאַכן, אָבער עס איז מורשת אבות, און אַז מ'רעדט וועגן אַזעלכע זאַכן דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז נישט סתם ענינים, נאָר מעשי אבות סימן לבנים.

האָט זי געוויינט וויבאַלד די מענטשן האָבן געזאָגט "גדולה לגדול, וקטנה לקטן", און לאה וועט אַריינפאַלן מיט עשו.

**דאַרף** מען זיך אַביסל מתבונן זיין אין דעם. די גמרא זאָגט (ב"ב קכג:) אַז לאה האָט געוויינט, ווייל זי איז געשטאַנען אויפ'ן מיטלוועג, על פרשת דרכים, און זי האָט געהערט ווי מענטשן זאָגן אַז די עלטערע טאָכטער פון לבן, לאה וועט חתונה האָבן מיט עשו הרשע, און די יונגערע טאָכטער, רחל, וועט חתונה האָבן מיט יעקב.

**וואו** האָט לאה דאָס געהערט? - אויפ'ן פרשת דרכים. וואו איז געווען דער "פרשת דרכים"?

**אַן** אַנדער לשון שטייט אין מדרש תנחומא הקדום (פרשת ויצא, י"ב), כיון שילדה רבקה עשו ויעקב, אין די זעלבע צייט ווען עשו און יעקב זענען געבוירן געוואָרן, זענען געבוירן געוואָרן די צוויי טעכטער ביי לבן, לאה און רחל. "שלחו אגרות אלו לאלו, והתנו ביניהן", זיי האָבן זיך געשיקט בריוון, דער ברודער און די שוועסטער (די שוואָגערס), און זיי האָבן אויסגענומען אַ תנאַי צווישן זיך, "כדי שיטול עשו את לאה, ויעקב רחל". עשו זאָל נעמען לאה פאַר אַ ווייב, און יעקב וועט חתונה האָבן מיט רחל[טו].

**קומט** אויס פון מדרש, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגעשמועסטע זאַך צווישן די עלטערן פון די קינדער, אָבער נישט אַז לאה האָט דאָס סתם געהערט "על פרשת דרכים". מיט דעם אַלעם האָט לאה אָבער נישט אויפגעגעבן, זי האָט אַ כח התפלה. זי האָט געדאַוונט.

**שפּעטער** האָט לאה געזעהן אַז יעקב אבינו איז געקומען און געזאָגט צו לבן קלאָרע ווערטער (כט, יח): "אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה". "איך וועל אַרבייטן פאַר דיר זיבן יאָהר, פאַר דיין יונגערע טאָכטער, רחל". אָבער לאה גיט נישט אויף, זי דאַוונט ווייטער, "ועיני לאה רכות". זי האָט געוואוסט אַז איר טאַטע, לבן, וועט נישט מוותר זיין אויף אַזאַ "חתן יכהן פאר" ווי עשו... אָבער זי גיט נישט אויף, זי בעהט ווייטער אַז זי זאָל נישט אריינפאַלן צו עשו, נאָר צו יעקב.

**וואָס** איז געווען צום סוף? לבן הארמי, אַ רמאי, "ויאסוף לבן את כל אנשי המקום ויעש משתה" (כט, כב), ער נעמט צוזאַם די גאַנצע שטאָט, מאַכט אַ סעודה און ער האָט אָפּגענאַרט יעקב, איהם צו געבן לאה פאַר אַ ווייב... פאַרוואָס? זאָגט דער מדרש (ב"ר פע"א, ב) אמר רב הונא, קשה היא התפלה שביטלה את הגזירה. ווי גרויס איז דער כח פון תפלה, אַז עס האָט בטל געמאַכט די גזירה אַז עשו זאָל נעמען לאה. ולא עוד אלא שהקדמתה לאחותה, דורך די תפלה האָט זי נאָך געפּעדערט צו חתונה האָבן מיט יעקב נאָך פאַר רחל.

### תפלה פון טיפעניש פון הארץ

**עס** ווערט געברענגט אין ספרים אַ מורא'דיגער מאמר, אויף דעם פסוק (ל, ג) "ואבנה גם אנכי ממנה". פאַרוואָס האָט רחל אַריינגעברענגט איר שפחה בלהה, כדי זי זאָל אויך געהאָלפן ווערן דורך איר, רחל האָט דאָך געוואוסט, אַז אויב זי איז מתפלל דאַרף זי געהאָלפן ווערן. נאָר וואָס, זי האָט געוואוסט, אַז אויב זי נעמט אַריין אַ דינסט, אַ "צרה" לתוך ביתה, איז אויב דער צרה - בלהה וועט יאָ האָבן אַ קינד, און זי רחל נישט, וועט דאָך רחל'ס תפלה זיין גאָר אַנדערש, עס וועט זיין מער פון די טיפענישן פון האַרצן, ווייל די גמרא זאָגט (מגילה יג.) "אין אשה מתקנאה אלא בירך חבירתה", ממילא וועט זי אַנדערש דאַווענען. פון דעם איז טאַקע רחל אויך געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער, ווייל אַזאַ תפלה פון אַ צובראָכן האַרץ, ממעמקי הלב, ווערט געענטפערט.

---

**טו.** זעה אויך ב"ר פע"א, ב: "והיו התנאים, שיהא גדול נושא לגדולה והקטן נושא לקטנה, והיתה בוכה ואומרת יהי רצון שלא אפול לחלקו של רשע".

**דער** מאירי שרייבט (נדרים מט:) אף על פי שאמרו שבראש השנה בני אדם נידונים על גופם בחייהם ובמותם בעוני ובעשור בצער בהפסד ובריווח וכו', כאָטש אַפילו די חז"ל האָבן געזאָגט אַז די מענטשן ווערן גע'משפט אין ראש השנה אויף זייער גוף, צום לעבן צו צום טויט וכו', אל יתייאש אדם מן התפלה ומן התשובה בכל יום, זאָל דער מענטש זיך נישט מייאש זיין פון דאַווענען און תשובה טוהן יעדן טאָג, שאף גזר דינו של אדם נקרע בתשובה וברוב תפלה, אויך אַ גזר דין אויפ'ן מענטש ווערט צעריסן דורך תשובה און מיט אַ סאַך דאַווענען, ואין הפרגוד ננעל בפניהם לעולם, און דער טויער ווערט קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן פאַר זיי.

**שרייבט** ער ווייטער, כאָטש די חז"ל האָבן געזאָגט (ר"ה טז.) אַז דאָס וואָס מען דאַווענט יעצט כסדר אויף תלמידי חכמים און אויף קראַנקע רח"ל, דאָס איז לויט רבי יוסי וואָס ער האַלט אַז דער מענטש ווערט גע'משפט יעדן טאָג וכו', אָבער דאָס איז דוקא ביי אַ כלליות'דיגע תפלה, אָבער די תפלה פון די מענטש אַליין, אָדער אַפילו אַ תפלה פון אַנדערע מענטשן אויף אַ געוויסן פּרט, זענען די רבנן אויך מודה אַז מ'קען פועל'ן מיט אַזאַ תפלה יעדן טאָג פון יאָהר.

**אין** אַן אַנדער אָרט (ב"ק פ:) שרייבט דער מאירי, אַז כאָטש דער משפט פון אַ מענטש מצד זיין מזל איז אַ גורם פאַר זיינע הצלחות און פאַר זיינע פּאַסירונגען (ווי די גמרא זאָגט אין מסכת שבת בנוגע אַ מענטש וואָס איז געבוירן זונטאָג, אָדער מאָנטאָג וכו', יעדער טאָג האָט אַן אַנדערן מזל), אויף אַזוי ווייט אַז "דלת הנועלת לא במהרה היא נפתחת", די פאַרקלאַפּטע טיר ווערט נישט צוריק געעפענט אַזוי שנעל, און אַ מזל זאַך איז שווער זיך אַרויסצודרייען דערפון, פונדעסטוועגן, איז נישטאָ קיין עיכוב אין דעם, נאָר די זאַך ווענדעט זיך אין תפלה און מעשים טובים, די טויערן פון תפלה אָדער מעשים טובים זענען קיינמאָהל נישט פאַרשלאָסן געוואָרן, נאָר זיי באַשיצן דעם מענטש און קענען פאַרענדערן פאַר איהם די סדרי בראשית.

**דער** מאירי פירט אויס: "וזה דבר ראוי ומוכרח באמונה ובגדרי הדת". דאָס איז אַ זאַך וואָס איז כדאַי און אַ הכרח אין די אמונה פון אַ איד, און אין די גדרים פון דת ישראל.

**אַזוי** שרייבט אויך דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע אין ספה"ק נועם אלימלך (פרשת האזינו, ד"ה זכור ימות עולם), אויפ'ן פסוק (דברים לב, ז) "שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך". "שאל אביך" - בעהט פון דיין טאַטע דעם באַשעפער ברוך הוא, "ויגדך", מלשון המשכה, וועט דער באַשעפער ממשיך זיין פאַר דיר שפע און ברכה פאַר דיין פרנסה. איי, וועט דער מענטש פרעגן, פון וואו וויים איך אַז מיינע תפלות וועלן געענטפערט ווערן? אויף דעם ענטפערט דער פסוק: "זקניך ויאמרו לך", האָסט אַ ראיה פון די צדיקים, וואָס ווערן אָנגערופן זקנים, "זה קנה חכמה" (קידושין לב:), די צדיקים האָבן די מעגליכקייט ממשיך צו זיין פאַר דיר פרנסה און שפע מיט זייערע דיבורים, איז דאָך אַוודאי "כשתתפללו מקירות לבכם להבורא ברוך הוא", אויב איר וועט דאַווענען פון די טיפענישן פון האַרץ צום באַשעפער ב"ה, וועט איר זיכער געהאָלפן ווערן[טז].

---

**טז.** אַ איד האָט זיך אָפּגערעדט פאַר דעם "חזון איש" זצ"ל, אַז ער האָט קאָפּ ווייטאָג ביים דאַווענען. האָט דער "חזון איש" געזאָגט:

- וואָס האָט דאַווענען מיט'ן קאָפּ? דאָס דאַווענען דאַרף קומען פון האַרץ!

אין דער טשעבינער ישיבה האָט געלערנט אַ בחור וואָס זיין פאָטער איז געווען גרויס אין תורה און אין עבודת ה'. ער האָט געדאַווענט מיט אַלע כוחות, אָבער דער זוהן, דער בחור, איז געווען אַן "אויבער חכם" ווי מ'רופט עס היינט, ער האָט טאַקע פיין געלערנט, אָבער ער האָט נישט געדאַווענט ווי זיין פאָטער, ער האָט אָנגערופען זיין פאָטער אַ פאַרצייטישע.

מיר האָבן שוין געשמועסט כמה פעמים, אַז ווען אַ איד גייט-צו צום דאַווענען, דאַרף ער האָבן דריי אמונות:

**א)** אַז דער בורא כל עולמים קען איהם העלפן אין אַלע זיינע פּראָבלעמען. ווי גרויס דער פּראָבלעם זאָל נישט זיין, איז דער רבונו של עולם נאָך גרעסער פון דעם פּראָבלעם"!

**ב)** דער רבונו של עולם וויל דיר העלפן. ער וואַרט נאָר אויף דיין תפלה.

**ג)** יעדע תפלה, אויך פון אַ פּשוט'ן מענטש, קען

---

האָט דער טשעבינער רב זצ"ל איהם צוגערופן און געזאָגט, די גמרא זאָגט (חולין צא:) אַז יעקב אבינו האָט געזאָגט, אפשר עברתי במקום שהתפללו בו אבותי ולא התפללתי? "איז דען מעגליך אַז איך בין אַדורכגעגאַנגען דאָס אָרט וואו מיינע אבות האָבן געדאַווענט, און איך האָב נישט געדאַווענט?" איז ער צוריקגעגאַנגען, און דאַן איז דער הר המוריה איהם אַנטקעגן געקומען.

האָט דער טשעבינער רב געפרעגט, "מעיקרא מאי קא סבר, ולבסוף מאי קא סבר?". יעקב אבינו איז דאָך דאָרט אַריבער באַלד אין אָנהויב, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט ער נישט געדאַווענט פריהער דאָרט, נאָר שפּעטער?

נאָר אין אָנהויב, האָט יעקב אבינו געהאַלטן נאָכ'ן לערנען 14 יאָהר אין בית המדרש פון שם ועבר, וואו ער איז ברציפות נישט געשלאָפן, האָט ער מעגליך געטראַכט ביי זיך (מעשה אבות סימן לבנים), וואָס דאַרף איך דאַווענען דאָ? אָבער שפּעטער האָט ער זיך מיישב געווען, אַז קלוגער פון טאָטן דאַרף מען נישט זיין...

כ"ק אדמו"ר הנתיבות שלום זצ"ל פון סלאָנים, האָט אַמאָהל געשריבן אַ בריוו צו זיין שוואָגער, דער סלאָנימער רבי, כ"ק אדמו"ר הברכת אברהם זצ"ל, וועלכער האָט נאָך דאַן געוואוינט אין טבריה, אַז זיין רביצין, די טאָכטער פונעם "ברכת אברהם", איז זייער נישט געזונט ל"ע, בעהט ער פון שוואָגער אינעם בריוו, ער זאָל איינרייסן וועלטן, ווייל דער מצב איז ביטער רח"ל. די תפלות האָבן געהאָלפן, און די רעביצין איז ב"ה געזונט געוואָרן.

האָט דער "ברכת אברהם" צוריקגעשריבן אַ בריוו, וואו ער שרייבט ווי פאָלגענד: היתכן אַ יונגערמאַן שרייבט אין אַ בריוו, מ'זאָל איינרייסן וועלטן, האָב איך געטראַכט ביי זיך, צו ווייסט דער יונגערמאַן וואָס עס איז גוט פאַר איהם? אָבער עס איז מיר אונטערגעקומען דער ספר "זכרון זאת" פון דעם רבי'ן פון לובלין זי"ע, האָב איך געעפענט דעם ספר, האָב איך געזעהן (פרשת משפטים) וואס ער זאָגט אויפ'ן פּסוק (שמות כב, כד) "אם כסף תלוה את עמי וגו' לא תהיה לו כנושה". לכאורה איז דאָס וואָרט "לו" איבעריג, עס וואָלט געדאַרפט שטיין "לא תהיה כנושה"? נאָר די כוונה איז, לא תהיה "לו" כנושה, דו זאָלסט נישט מוטשען דעם לוה, ווייל ער האָט נישט צו באַצאָהלן, אָבער פאַר דעם אויבערשטען זאָלסטו יאָ זיין "כנושה" - אויב דו דאַרפסט עפּעס אַ ישועה, זאָלסטו זיין "כנושה", זאָלסט שרייען צום באַשעפער כביכול און בעטן איהם ער זאָל דיר געבן וואָס דו דאַרפסט האָבן.

שרייבט דער "ברכת אברהם" ווייטער אינעם בריוו, ווען איך האָב געזעהן דאָס וואָרט פונעם רבי'ן פון לובלין, האָב איך זיך גענומען איינגעריסן וועלטן, און זי איז ב"ה געזונט געוואָרן.

ענליך פלעגט זאָגן דער "בית ישראל" פון גער זצ"ל: "לא תהיה לו כנושה - צום לוה זאָלסטו נישט זיין אַ נושה, ווייל ער האָט נישט צו באַצאָהלן, אָבער דער רבונו של עולם האָט צו געבן, איז שריי יאָ געוואַלד!".

די זקני ירושלים פלעגן אויך זאָגן בדרך צחות אַ וואָרט: "ער (דער באַשעפער) האָט גענוג, שריי און בעהט, בעהטו!".

**יז.** אַזוי טייטשט מען בדרך צחות דעם פּסוק (תהלים קמה, ט) "טוב ה' לכל" - דער אויבערשטער איז גוט פאַר אַלע פּראָבלעמען. אַז מ'ווענדעט זיך צום אויבערשטען, לייזט מען אַלע פּראָבלעמען.

פועל'ן ביים באַשעפער. מ'דאַרף נאָר וויסן ווי צו בעטן, ווי אא"ז הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק אָנהויב היינטיגע סדרה (כח, יא) ויפגע במקום, מ'דאַרף זיך "אָנ'פגע'ן" אינעם בורא כל עולמים.

### די כח פון תפלה בציבור

**דער** בעל הטורים זאָגט אויפ'ן פסוק (כח, טז) ויקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה' וגו', יעקב אבינו האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און זיך גלייך אָנגערופן, ריכטיג איז אַז אין דעם פלאַץ געפינט זיך אַ השראת השכינה. ויק'ץ יעק'ב משנת'ו ויאמ'ר איז די סופי תיבות צבו"ר, ווייל די תפלה ווערט געהערט נאָר ווען מען דאַוונט בציבור.

### וישכם יעקב בבקר - תפילה באשמורת הבוקר

**אויך** זאָגט דער בעל הטורים, "וזה שער השמים, וישכם יעקב בבקר" (כח, יז-יח), איין פסוק ענדיגט זיך מיט די ווערטער "וזה שער השמים", און דער קומענדער פסוק הייבט זיך אָן מיט די ווערטער "וישכם יעקב בבקר", יעקב האָט זיך געפעדערט אויפצושטיין. די סמיכות לערנט אונז, אַז ביים עלות השחר עפענט מען די טויערן פון הימלען, און דעמאָלט איז עס אַ גוטער זמן צו דאַוונען. עס מוז אָבער זיין מיט'ן פינטעלע, דער מענטש זאָל צוגיין צו תפלה מיט'ן האַרץ.

### יושב תהלות ישראל - דער באַשעפער וואַרט אויף אונזער תהלים

**דער** גשר החיים (ח"א, פרק ל, עמוד שטו) ברענגט, דער מדרש (סוף פרשתינו) זאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא, מא) "זה לי עשרים שנה בביתך". יעקב אבינו ע"ה האָט געאַרבייט ביי לבן'ען צוואנציג יאר. ארבייטען ארבייט מען בייטאָג, וואָס האָט ער געטוהן ביינאַכט? - ביינאַכט האָט ער געזאָגט תהלים. לויט איין דעה האָט ער געזאָגט גאַנץ תהלים, און לויט אַ צווייטע דעה האָט ער געזאָגט "שיר המעלות" (די גמרא זאָגט אין מסכת בבא בתרא, אַז תהלים איז נתחבר געוואָרן ע"י עשרה זקנים).

**זאָגט** דער "גשר החיים" אַ מאמר נורא, "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל", מיינט מען "ישראל סבא" - יעקב אבינו ע"ה. דער אויבערשטער האָט געוואַרט אַז יעקב אבינו זאָל זאָגן תהלים. יעקב האָט געזאָגט, דער רבונו של עולם קומט צו לבן הארמי בחלום הלילה, און ער זאָגט איהם (לא, ט) "השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע", זאָלסט נישט רעדן מיט יעקב גוטס אָדער שלעכטס. פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געזאָגט צו לבן "לויף איהם נישט נאָך און פארטיג"? דער באַשעפער האָט איהם געזאָגט "רעד נישט מיט איהם", דו קענסט איהם נאָכלויפן, אָבער רעד נישט מיט איהם. פאַרוואָס? ווייל "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל", דער אויבערשטער וואַרט אויף דעם אַז יעקב אבינו זאָל זאָגן תהלים. אויב לבן וועט איהם נישט נאָכלויפן, וועט ער דאָך נישט זאָגן תהלים, דערפאַר האָט דער רבש"ע איהם נישט געהייסען ער זאָל בכלל נישט נאָכלויפן יעקב'ן.

**מעשה** אבות סימן לבנים, אין הימל וואַרט מען אויף אונזער תהלים'ל.

### בא גד, ווען א מענטש איז גומל חסד ברענגט עס אויף איהם חסדים פון הימל

**הרה"ק** רבי בונם פון פשיסחא זצ"ל האָט געזאָגט (מובא בקול שמחה) אויף דעם פסוק, ווען גד איז געבוירן געוואָרן (ל, יא) ותאמר לאה בא גד, עס קומט אַ מזל טוב.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, די אַנדערע נעמען זענען געגעבן געוואָרן על שם העבר, אָדער על שם העתיד, ראובן, ווייל כי ראה ה' בעניי, שמעון, ווייל כי שמע ה' כי שנואה אנכי, זבולון, פון יעצט

וועט זיין יזבלני אישי, און אַזוי ווייטער. פאַרוואָס האָט זי געגעבן פאַר גד אַ נאָמען צוליב "בגד" - ווייל עס איז געקומען אַ גוטער מזל, אָן אַ באַזונדערע משמעות?

**האָט** דער רבי ר' בונם געזאָגט, די אמהות זענען דאָך געווען נביאות, און לאה האָט געוואוסט אַז עס דאַרפן געבוירן ווערן 12 שבטי י"ה. יעדע איינע פון די פיר אמהות האָט געזאָלט האָבן דריי קינדער. ווען לאה האָט שוין געהאַלטן ביי פיר, פינף - מער ווי דריי קינדער - האָט לאה שוין נישט געהאַט קיין טעם צו בעטן אויף נאָך אַ קינד, האָט זי נישט געקענט בעטן דערויף, אָבער לאה האָט פאָרט געוואָלט האָבן נאָך אַ קינד. האָט זי געטוהן גמילות חסדים, און דער אויבערשטער פירט זיך, אַז ווען אַ מענטש טוט אַ חסד, טוט דער רבונו של עולם אויך מיט איהם אַ חסד, און אַזוי איז גד געבוירן געוואָרן.

**דאָס** איז מרומז אין דעם נאָמען "גד". ג"ד ראשי תיבות ג'ומל ד'לים, און דאָס איז די כוונה פון פסוק "ותאמר לאה בא גד", לאה האָט געזאָגט, שבט גד איז געבוירן געוואָרן בלויז וועגן ג'ומל ד'לים.

**ענליך** טייטשט דער "תפארת שלמה" (מועדים, שער התפלה) די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַוועגען: "זורע צדקות, מצמיח ישועות", ווייל די גמרא זאָגט (שבת קנא:) "כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים", דער מענטש וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע, האָט מען אויף איהם רחמנות אין הימל. דאָס איז אויך מרומז אין פסוק (דברים יג, ח') "ונתן לך רחמים ורחמך" וגו'. אויב דו האָסט רחמנות אויף אַנדערע, האָט דער אויבערשטער רחמנות אויף דיר.

**דעריבער**, ווען דער באַשעפער זעהט אַז אַ מענטש נויטיגט זיך אין אַ ישועה, פלאַנצט ער איין אַ מחשבה אין דעם מענטש ער זאָל טוהן צדקות, און שפּעטער נעמט דער רבונו של עולם די צדקה, און ער פלאַנצט עס איין אויבן אין הימל, און פון דאָרט איז ער מצמיח אַ ישועה פאַר דעם איד, אמן.